# לחיזוק ההתקשרות
# לכ"ק אדמו"ר מה"מ

•

נדפס ע"י

הרה"ח התמים עוסק בצ"צ

ר' אליעזר חיים בן צפורה

וזוג' רבקה בתי' בת מרים פערל

בניהם ובנותיהם:

חנה רחל ובעלה מנחם מענדל הלוי בן חנה דבורה

בניהם: יהודה ארי' לייב הלוי, שלום דובער הלוי, חי' מושקא

ויקותיאל יוסף הלוי

רינה ובעלה אשר בן רחל

בנם: לוי יצחק, ובתם: נחמה ליבא, הינדא ויהודה ארי' לייב

דבורה ובעלה אלטער מרדכי הלוי בן חנה

ובניהם: מנחם מענדל הלוי ויהודה ארי' לייב הלוי

שרה לאה ובעלה צבי הירש הכהן בן טויבא

ובתם מנוחה ברכה

שלום בער, לוי יצחק, מאיר פינחס, ישראל נחום,

זי' מושקא, יהודא ארי' לייב, מנוחה ברכה, ליבא שיינא

ומנחם מענדל

שיחיו

## לפידות

(ב.א. ארגאנטינא)

כתובתינו באינטרנט: http://www.moshiach.net/blind

ספרי' — אוצר החסידים — ליובאוויטש

# לקוטי שיחות

•

מכבוד קדושת

## אדמו"ר מנחם מענדל

### שניאורסאהן

מליובאוויטש

## יו"ד שבט

יוצא לאור על ידי מערכת

"אוצר החסידים"

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ששים ואחת לבריאה

יובל שנים לנשיאות כ"ק אדמו"ר מה"מ

# יו״ד שבט

א. ס'איז ידוע אַז בעת ההסתלקות קומען זיך צוזאַמען „כל מעשיו ותורתו ועבודתו אשר עבד כל ימי חייו״ [1]. דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז אין דעם מאמר ד״ה באתי לגני וואָס דער רבי בעל ההילולא האָט אַרויסגעגעבן צו זיין יום ההסתלקות [ובפרט אין דער התחלה וסיום פון מאמר — וואָס דער תוכן פון יעדער ענין זעט זיך אָן מער בגילוי אין זיין התחלה [2] וסיום [3]] קומט צום אויסדרוק אַ נקודה עיקרית פון כל עמלו, וואָס ער האָט געהאָרעוועט בחיים חיותו בעלמא דין.

פון די נקודות העיקריות פון דער עבודה פון בעל ההילולא — וואָס דאָס האָט ער אויך געמאָנט פון די אַלע וואָס הולכים בדרכיו אשר הורנו, זיינען:

א) צו פאַרשפּרייטן תומ״צ — כולל אויך דעם מאור שבתורה — בכל מקום ומקום [4], אויך אין אַזעלכע ערטער וואָס זיינען (בגילוי) גאָר קיין כלים ניט צו תומ״צ בכלל, און על אחת כו״כ ניט קיין כלים צו חסידות.

ב) אַז די אַרבעט פון הפצת התורה ומצות וכו' זאָל מען טאָן מיט דער גרעסטער זריזות.

און אָט־די צוויי נקודות ווייזט ער אָן אין דער התחלה וסיום פון דעם מאמר.

ב. אין אָנהויב פון מאמר ברענגט דער רבי בעל ההילולא דעם מאמר המדרש [5] אויפן פסוק [6] באתי לגני אחותי כלה: „לגן אין כתיב כאן אלא לגני לגנוני למקום שהי' עיקרי בתחלה דעיקר שכינה בתחתונים היתה״, ד.ה. אַז די השראת השכינה בתחתונים וואָס איז געווען בעת הקמת המשכן (וואָס דערויף זאָגט דער אויבערשטער „באתי לגני״) איז שוין געווען בתחילת הבריאה (און ניט ווי דער מ״ד [7] אַז „דבר חידוש הוא״). מער ניט וואָס דורכן חטא עה״ד והחטאים שלאחריו איז — „פסק״, און דערנאָך, בעת הקמת המשכן, „חזר לכמות שהי'״.

און אין דעם סיום המאמר ברענגט ער דעם מדרש [8] „אין אדם שליט לומר המתינו לי עד שאעשה חשבונותי ועד שאצוה לביתי כו'״, וואָס דעריבער טאָר מען ניט אָפּלייגן אויף שפּעטער די אַרבעט וואָס מען האָט צו טאָן, וואָרום „מי הוא היודע עתו וזמנו״.

מיטן ברענגען בתחלת וסיום המאמר אָט־די צוויי מדרשים, ווייזט ער אָן די צוויי נקודות הנ״ל: מיטן מד־

---

1) אגה״ק סכ״ז. וראה לעיל ע' 35 ובהנסמן שם.

2) מכיון ש(ההתחלה וה)„ראש״ כולל כל הענין. וראה לקו״ש ח״ה ע' 58 הערה 12 [בנוגע לשם הסדרה. ועד״ז יש לומר בנוגע לשמות (שנקבעו לה)מאמרים, וכיו״ב], עיי״ש.

3) ש„הכל הולך אחר החתום״ (ברכות יב, א).

ויש לומר שזהו אחד הענינים מה שנעוץ תחלתן בסופן וסופן בתחלתן — כי בשניהם מתבטא עיקר הדבר.

ולהעיר ממטבע ברכות שעיקר הדיוק הוא בההתחלה והחתימה (שו״ע אדה״ז סקי״ד ס״ח).

4) ראה גם לקו״ש ח״ג ע' 875.

5) שהש״ר רפ״ה. וש״נ.

6) שה״ש שם.

7) במדב״ר פי״ב, ו. וראה יפ״ת לב״ר פי״ט, ז.

8) דב״ר פ״ט, ג.





**די עיניים רוחניים פון אַ אידן זעען שוין די גאולה; איצטער דאַרף זיין די פתיחה פון די עיניים גשמיים, אַז אויך זיי זאָלן זען די גאולה ווי זי איז בגלוי לעיני בשר אין דעם איצטיקן צייט...**

**ובנוגע לפועל . . יעדערער זאָל אויף זיך אָננעמען אַז זיין לימוד בתורתו פון דעם בעל ההילולא זאָל אויך משלים וממלא זיין דאָס וואָס האָט געפעלט אין דער התפשטות והפצת המעינות צוליב דער מניעה ועיכוב בכח הדיבור פון דעם בעל ההילולא, סיי דורך דעם אייגענעם לימוד** בדיבור **און סיי אין הפצת המעינות חוצה צו אַנדערע.**

(משיחות יום ד' פ' בא, ג' שבט, וש״פ בא, ו' שבט תשנ״ב)

נאָכמער ווי ס'איז געווען באַ יציאת מצרים), ביז אַז אויך מדינה ההיא וועלכע איז געווען סגורה ומסוגרת אַ ריבוי שנים, און מ'האָט פון דאָרט ניט אַרויסגעלאָזט אידן און זיי ניט דערלאָזט צו מקיים זיין תומ"צ בשלימות וכו' — איז לאחרונה נשתנה געוואָרן מן הקצה אל הקצה, און איצטער איז ניט נאָר וואָס מ'לאָזט אידן זיך פירן דאָרט ווי ביי זיי קומט אויס, און מ'לאָזט זיי פון דאָרט אַרויספאָרן, נאָר נאָכמער — מ'איז זיי דערצו מסייע.

ביז אַז מ'זעט היינט בפועל אַז נוסף לזה וואָס אידן זיינען „הכן כולכם" צו דער גאולה, שטייען אויך די אוה"ע „הכן כולכם" אַז אידן זאָלן שוין אַרויסגיין פון גלות און גיין אין ארץ ישראל בגאולה האמיתית והשלימה,

און נשמות בגופים בלי שום הפסק כלל, קומט מען גלייך צו תכלית השלימות פון „בא אל פרעה" בגאולה האמיתית והשלימה, די שלימות הגילוי פון „אתפריעו כל נהורין", „והי' לך הוי' לאור עולם"[7].

. . . מ'האָט געערעדט כמ"פ, אַז ס'איז שוין „כלו כל הקיצין"[8] און מ'האָט שוין אַלץ פאַרענדיקט, און די גאולה האָט שוין פון לאַנג געדאַרפט קומען, און מפני טעמים שאינם מובנים כלל וכלל איז זי נאָך ניט געקומען.

דערפון איז מובן, אַז עכ"פ איצטער, דאַרף די גאולה קומען תיכף ומיד ממש. ובלשון העולם: ס'איז די העכסטע צייט אויף דער גאולה האמיתית והשלימה!

. . . ברוחניות הענינים (ביז אין די „העכסטע" דרגות) האָט מען שוין שלימות הענינים ביז אויך די שלימות פון גאולה (רוחנית),

7) ישעי' ס, יט.

8) סנהדרין צז, ב.





רש בסיום המאמר ווייזט ער אָן, אַז די אַרבעט דאַרף געטאָן ווערן בזריזות; און מיטן מדרש בתחילת המאמר ווייזט ער אָן אין וואָס עס דאַרף באַשטיין די אַרבעט גופא: פאַרשפּרייטן תומ"צ בכל מקום ומקום, כדלקמן.

ג. בשעת אַ איד באַטראַכט זיך אין דעם מצב פון דער וועלט, וואָס עוה"ז איז דאָך (ווי דער אַלטער רבי זאָגט[9]) „מלא קליפות וסט"א", ד.ה. אַז יעדער נקודה פון עוה"ז איז פול מיט קליפות; ביז אַז דער נאָמען פון עוה"ז — וואָס דער נאָמען פון יעדער זאַך ווייזט אויף איר מהות[10] — איז „עולם הקליפות וסט"א"[11], קען ער ביי זיך טראַכטן:

ווי באַלד אַז דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט אויף אַזאַ אופן אַז זי זאָל זיין „עולם הקליפות", איז דאָך ניט שייך אַז איך זאָל זי קענען איבערמאַכן. און וויבאַלד אַזוי — וועל איך זיך אָפּזונדערן פון וועלט און זיין אָפּגעשלאָסן אין די ד' אמות פון תורה און תפלה און ניט האָבן צו טאָן מיט וועלט!

אויף דעם איז דער רבי מסביר גלייך בתחלת המאמר, אַז אדרבה: דאָס וואָס די וועלט איז אַן עולם הקליפות איז עס [ניט אַן ענין וואָס מצד דעם עצם מהות פון עוה"ז איז מוכרח אַזוי, נאָר ס'איז] אַ צוגעקומענע זאַך, אַן ענין וואָס איז ניתוסף געוואָרן (לאחרי הבריאה) דורכן חטא עה"ד וכו'; אָבער מצד איר עצם מהות, איז גאָר פאַראַן אַ מעלה אין עוה"ז לגבי די עולמות עליונים, וואָרום עיקר שכינה איז דוקא בתחתונים היתה.

קען מען אָבער נאָך אַלץ טענה'ן: אמת טאַקע, אַז בתחילת הבריאה איז געווען אַנדערש; אָבער איצטער איז דאָך די וועלט „פול" מיט קליפות „והרשעים גוברים[11] בו"?

אויף דעם קומט דער הסבר ווייטער אין מאמר, אַז דער תכלית הכוונה אין בריאת והתהוות העולמות איז דאָס וואָס „נתאוה[12] הקב"ה להיות לו יתי' דירה בתחתונים", און היות אַז די כוונה וועט דאָך זיכער דורכגעפירט ווערן

[וואָרום וויבאַלד אַז די מציאות הבריאה איז באַשאַפן געוואָרן (און זי ווערט באַשאַפן בכל רגע ורגע[13]) צוליב דער כוונה, איז דאָך ניט שייך אַז די עניני הבריאה, מעשה בני אדם (חטא עה"ד וכו'), זאָלן האָבן כח[14] צו מנגד זיין און ניט צולאָזן ח"ו די אויספירונג פון דער כוונה]

און סוכ"ס וועט די וועלט ווערן אַ דירה לו יתי' — קומט דאָך אויס אַז דער איצטיקער שינוי אין וועלט, אַט־דאָס וואָס זי איז אַן „עולם הקליפות", איז אַ „שינוי החוזר לברייתו" (וואָרום סוכ"ס וועט דאָך קומען אַ צייט ווען „ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ"[15] ווי ס'איז געווען קודם החטא), און „שינוי החוזר לברייתו לא שמי' שינוי"[16], הייסט עס דאָך אַז בפנימיות איז אויך איצטער די וועלט אַ „דירה לו יתי'"[17]. ובפרט

9) תניא פל"ו.

10) ראה בארוכה לעיל ע' 35 ואילך ובהנסמן שם.

11) תניא פ"ו (יו"ד, סע"ב).

12) תנחומא נשא טז. וראה לעיל ע' 17 הערה 42.

13) שעהיוה"א בתחלתו.

14) ראה לקו"ש ח"ג ע' 977 בהערה.

15) זכרי' יג, ב.

16) נסמן לקמן ע' 89 הערה 25.

17) ויתירה מזו: מכיון שהכוונה בהסט"א גופא היא כדי לאהפכא חשוכא לנהורא

אַז דער שינוי (איז ניט נאָר אַז ער קען חוזר זיין לברייתו נאָר ער) וועט זיכער חוזר זיין לברייתו, כנ"ל.

און וויבאַלד אַז דער גילוי לעתיד וועט זיין אין אַן אופן פון „מלאה [18] הארץ דיעה את הוי' כמים לים מכסים" [19] און „וידע כל פעול כי אתה פעלתו" [19*], קומט ממילא אויס, אַז אויך איצטער (בפנימיות) איז אַזוי אין יעדער נקודה פון וועלט, אויך אַפילו דאָרטן וואו עס זעט זיך אָן כאילו אַ התנגדות צו אלקות, צו זיין אַ דירה לו ית'. און דעריבער דאַרף מען מפיץ זיין יהדות בכל מקום ומקום, בכדי צו מגלה זיין דעם טוב וואָס איז דאָ אין יעדן אָרט.

ד. דעם מאמר האָט דאָך דער רבי אַרויסגעגעבן צו יום הסתלקותו — איז די הוראה הנ"ל אין אָנפאַנג פון מאמר [20] פאַרבונדן אויך מיט דעם ענין פון הסתלקות:

לאחרי ווי די נשמה ווערט נסתלק פון גוף, ווערט דער גוף נפסד [21]. און דאָ קומט אויף די שאלה: וואָס איז דער תכלית פון דער גאַנצער עבודה, וואָס אַ איד האָרעוועט אָפּ במשך כל ימי חייו אויף אויסצואיידלען זיין גוף [22], אויב לאחרי הסתלקותו ווערט ער נפסד?

און די קשיא איז נאָך שטאַרקער: דאָס וואָס דער גוף ווערט נפסד (בצאת הנפש מן הגוף) איז עס דאָך (ניט קיין ענין וואָס ווערט אין אים נתחדש, נאָר) כמ"ש [23] „עפר אתה ואל עפר תשוב" (אַז מצד דעם וואָס אויך איצטער איז „עפר אתה" — דעריבער „ואל עפר תשוב"), און היות אַז „שינוי החוזר לברייתו לא שמי' שינוי", איז ער דאָך במילא ניט קיין מציאות אמיתי אויך איידער ער איז „שב לעפרו" — און וויבאַלד אַזוי, קומט דאָך אויס לכאורה אַז די עבודה פון תומ"צ איז פאַרבונדן מיט אַן ענין וואָס איז (אויך בעת העבודה) ניט קיין מציאות אמיתי ח"ו?!

און הגם אַז דער „עצם לוז" (וואָס בלייבט איבער פון גוף) ווערט קיינמאָל ניט נפסד [24], און אויך אויף דער תחי' פון כללות הגוף שטייט [25] „יחיו מתיך" (און ניט „יבראו"), ווייל דער אופן התחי' וועט זיין (ניט אַז עס

(ועד שהחושך עצמו יאיר — בהמאמר לקמן סעיף ה'), שדוקא עי"ז „אסתלק יקרא דקוב"ה בכולהו עלמין" (כמבואר בהמאמר) — הרי הירידה שנעשה ע"י החטא (לא רק שאינה ירידה אמיתית, כבפנים, אלא אדרבה) היא חלק מהעלי' שתהי' על ידה, כמבואר בלקו"ש ח"ה ע' 66.

18) היפך ד„מלא קליפות" הנ"ל.

19) ישעי' יא, ט.

19*) נוסח תפלת העמידה דר"ה.

20) כמו שההוראה שבסוף המאמר („אין אדם שליט כו'") שייכת להסתלקות. ול־העיר, שגם במאמר הזהר „אסתלק יקרא דקוב"ה בכולהו עלמין" המובא בתחילת המאמר, מרמז תוכן ענין ההסתלקות, כמ־בואר בהקדמה לקונט' פורים תש"י הערה ב'.

21) כי הגוף מצד עצמו הוא „עפר אתה", כדלקמן בפנים.

ומה שהגוף אינו נפסד תיכף כשנסתלק הנפש ממנו, הוא לפי: א) שאין התהוות הגוף מהנפש (שהיתוה"א פ"ו. סידור ד"ה כד אנת תסתלק). ב) גם לאחר ההסתלקות עדיין רוח הנפש נמצא על הגוף (ד"ה שובה תרנ"ט. וראה ד"ה כי חלק תרצ"ד (תשי"א) פ"ט. ואכ"מ).

22) ראה תניא פל"ז (מח, ב), שתכלית ירידת הנשמה למטה היא (לא בשביל עצמה, כ"א) בכדי לתקן את הגוף (ונה"ב וחלקו בעולם). וראה גם מאמר הבעש"ט עה"פ עזב תעזוב עמו (היום יום ע' כג. ובכ"מ).

23) בראשית ג, יט.

24) ב"ר פכ"ח, ג. ויש"נ. זח"ב כח, ב. ועוד. תוד"ה והוא (ב"ק טז, ב).

25) ישעי' כו, יט.





# סא.

דער חידוש פון אונזער דור — דער דור התשיעי לגבי כל הדורות שלפני זה, ביז אויך בדור שלפנ"ז (דור השמיני): וויבאַלד אַז די גאולה איז דעמולט ניט געקומען בפועל, איז דער „בא אל פרעה" (דער גילוי פון „אתפריעו כל נהורין"[1] למטה) ניט געווען בתכלית השלימות אַלס נשמה בגוף בריא (ס'איז געווען די הסתלקות הנשמה מן הגוף, און אויך די נשמה בגוף איז געווען במצב אַז דער „הדיבור הוא בגלות" וכו'): משא"כ בדורנו זה — דער דור האחרון פון גלות ודור הראשון פון גאולה — ווערט תומ"י „נתלו המאורות", אַז ניט נאָר וואָס עס פעלט ניט ח"ו אין די מאורות הגדולים פון גילוי תושב"כ און תושבע"פ[2], נאָר אדרבה — עס קומט צו נאָך אַ העכערע שלימות בזה [ניט באופן פון „כבד פה מאורייתא שבע"פ וכבד לשון מאורייתא שבכתב"[3], זייענדיק למעלה מזה], באופן אַז אַלס נשמות בגופים נעמט מען אויף בפנימיות „אתפריעו כל נהורין" וואָס „נתלו" איצטער, דורך דעם וואָס עס קומט גלייך משיח צדקנו, „שלח נא ביד תשלח"[4], וילמד תורה את כל העם כולו[5], ביז „תורה חדשה מאתי תצא"[6].

. . . מ'זעט בפועל (ווי גערעדט כמ"פ לאחרונה) ווי די אומות העולם בכו"כ מדינות זיינען מסייע אידן אין זייער עבודה (ע"ד און

1) זח"א רי, א.

2) ראה של"ה בהקדמתו טז, סע"א. מס' שבועות שלו קצא, א. וראה לקו"ת שה"ש יא, ד. אוה"ת בראשית יד, א. לו, סע"ב. במדבר ע' מו. מג"א (בהוצאת תש"נ — ע' קמט). נ"ך ע' ריז. ועוד. וראה לקו"ש ח"ל ע' 10 ואילך.

3) זח"ג כח, רע"א.

4) שמות ד, יג.

5) ראה רמב"ם הל' תשובה פ"ט ה"ב. לקו"ת צו יז, א ואילך. ובכ"מ.

6) ישעי' נא, ד. ויק"ר פי"ג, ג.

אשר הקביעות היא כמו בשנת ההסתלקות ביום השבת קודש ואשר קורים בו פרשת בא.

ויה״ר שיהי׳ הזכרון וההתעוררות שעל ידו והבפועל שלאח״ז — ברי קיימא ויפעלו פעולתם במשך כל השנה כולה.

ותהא השנה שנת אורה, שנת ברכה, שנת תורה

ושנת גאולה — בגאולה האמיתית והשלמה ע״י משיח צדקינו

ומביאת משיח לתחיית המתים והקיצו ורננו שוכני עפר והוא בתוכם...

---

פ׳ בא: אל פרעה להעיר מזח״ב (לד, א) אדרין בתר אדרין כו׳ ופי׳ (בד״ה בא, העת״ר) שזהו לשבור עצמות קליפת פרעה וזהו בכחו של משה דוקא, ואני הכבדתי גו׳ נעשה עי״ז ואכבדה בפרעה גו׳. ולהעיר מתורת הבעש״ט עה״פ כי תראה חמור שונאך רובץ גו׳ (היום יום ע׳ כג), המשך זאת חנוכת המזבח, תר״ם בתחילתו. — השייכות להסתלקות בפרט מובן מל״ת להאריז״ל (תהלים פ״ד, ז).

לתחיית המתים: שכמה זמנים בזה וצדיקים גמורים יקומון כו׳ (זח״א קמ, א). וראה תוד״ה אחד פסחים (קיד, ב) דכשיבנה המקדש משה ואהרן יהא עמנו (וראה ג״כ יומא ה, ב) וברמב״ם הל׳ מלכים ספי״א פס״ד דבנין ביהמ״ק קודם לקיבוץ גליות.

הקיצו... עפר: כי טל אורות טלך גו׳ ישעי׳ (כו, יט), וראה כתובות (קיא, ב) כל המשתמש באור תורה אור תורה מחייהו.

...מכתבו מט׳ ניסן קבלתי. ומענה בקיצור על האמור בו ימצא בהקדמותי להקונ׳ שהו״ל* אחרי ההסתלקות ובמכתבי זה**, מה שנלפענ״ד בכ״ז. — ומה שמקשה הלא א״א עתה לשאול את כ״ק מו״ח אדמו״ר הכ״מ כשיש ספק בהנהגה — אם יעמוד חזק בהתקשרותו אליו, מבלי לשים לב לפתויי היצר, וישלח השאלה על ציון כ״ק מו״ח אדמו״ר הכ״מ — וועט דער רבי געפינען א וועג ווי עם צו ענטפערן.

(ממכתב יו״ד ניסן, ה׳תש״י)

---

*) נדפסו בסה״מ תש״י. ס׳ המאמרים באתי לגני ח״א (ע׳ שכה, שכט). המו״ל.

**) נדפס בלקו״ש ח״ז ע׳ 253-4. המו״ל.





וועט באַשאַפן ווערן אַ נייער גוף [26*], נאָר) אַז דער גוף וועט נבנה ווערן פון דעם עצם לוז [27]

— וויבאַלד אָבער אַז דער גוף מצד עצמו איז „עפר אתה״, און דאָס וואָס עס מאָנט זיך מצד זיין ענין איז „ואל עפר תשוב״, קומט דאָך במילא אויס אַז דאָס גופא וואָס (דער אופן התחי׳ וועט זיין ניט בדרך בריאה חדשה, נאָר אַז) ער וועט נבנה ווערן פון דעם עצם לוז, איז עס אַן ענין פון „ברי־אה״ חדשה [28] — וואָרום דער גדר הגוף מצד ענינו איז „עפר״ [29]?

ה. אויף דעם איז דער ענטפער, אַז פאַרקערט: וויבאַלד אַז „עיקר שכינה בתחתונים היתה״, וואָס דער־פאַר איז „ובנו בחרת״ דוקא אין דעם גוף הגשמי [30], איז במילא דער גוף אַ מציאות אמיתי וואָס אין אים איז קיין הפסד ניט שייך. און דער שי־נוי וואָס איז אין אים געוואָרן דורך (דעם חטא עה״ד און דער „מסובב״ פון אים —) „ואל עפר תשוב״, איז בלויז אין זיין חיצוניות, ניט אין זיין עצם מהות. וואָרום מעשה בני אדם קען ניט משנה זיין ח״ו (וכנ״ל ס״ג) די בחירת העצמות, וואָס ער האָט בוחר געווען אין אַ אידישן גוף.

און דאָס גופא איז דער ביאור דע־רויף וואָס דער „עצם לוז״ [האָט ניט נהנה געווען פון דעם עץ הדעת [31] און] ווערט קיינמאָל ניט נפסד — ווייל ער איז די „עצמיות״ פון גוף [32], און אין עצמיות (פון גוף) איז ניט שייך קיין (חטא און) הפסד.

און וויבאַלד אַז „ובנו בחרת״ איז דאָך אויך אין כללות הגוף, איז דער־פון פאַרשטאַנדיק אַז בפנימיות איז אויך אין כללות הגוף ניט שייך קיין הפסד [33]. און דאָס וואָס ער וועט לע״ל

---

26) ראה גם ב״ר פצ״ה, א.

27) זח״ב שם.

28) ובדוגמת „וישב הים״ שלאחרי קי״ס, שבאם הנס דקי״ס הי׳ באופן שביטל טבעו הקודם ומה שהמים היו חוזרים ונגרים במורד הי׳ זה בדרך נס — אז הי׳ זה התהוות חדשה (ראה לקמן שיחה א׳ לפ׳ בשלח ס״ג) — כי אף שגם באופן זה לא הי׳ צריך להוות את עצם החומר (שהרי גם בעת קי״ס הי׳ החומר ורק שנשתנה טבעו), בכל זה, הרי פרט זה דשינוי טבעו הוא התהוות חדשה.

29) להעיר מהידוע (ד״ה ג״ח עת״ר. ד״ה יחיינו מיומיים תש״א. ועוד) בפירוש „מחי׳ מתים ברחמים רבים״, שמה שצריך שתחה״מ יומשך מבחי׳ רחמים רבים (דעצמות אוא״ס) דוקא, הוא לפי שלגבי עצמות אוא״ס „מות וחיים שוים, ומשו״ז גם המת יכול לחיות״ — והרי מזה מוכח לכאורה, שגם בעת התחי׳ יהי׳ הגוף מצד עצמו מת, ורק שמצד עצמות אוא״ס גם המת יחי׳ (אבל ראה לקמן הערה 33).

30) תניא פמ״ט (ע, רע״א). תורת שלום ע׳ 120.

31) אלי׳ רבה לאו״ח סי׳ ש. וכותב ע״ז „שמעתי״. ובשו״ת חת״ס חיו״ד סשל״ז מביא זה בפשיטות מבלי לציין המקור. וצריך חיפוש במדרז״ל.

בהשמועה בא״ר שם כתב „א״כ (דאינו נהגה בשום אכילה*) לא נהגה מעץ הד־עת״. וצע״ק לתוך זה עם מ״ש (ב״י ולבוש לאו״ח שם ועוד) שנהנה מסעודת מלוה מלכה. אבל ראה סידור יעב״ץ זמירות למוצאי שבת. — במעבר יבק שפת אמת מ״ב פ״ו: ואינו נהגה רק מסעודת שבת ויש אומרים מיין הבדלה ודעת אחרים שאינו נהנה כלל מאכו״ש.

32) ולהעיר מה דהעוף „חול״ נשרף (אלא ש)משייר בו כביצה וחוזר כו׳ וחי, מפני שלא אכל מעה״ד (ב״ר פי״ט, ה) — היינו שנשאר העצמיות. והא דהשאר נשרף — י״ל בפשטות דהא אוכל שאר דברים ונעשים דם ובשר כבשרו. וראה מת״כ שם ועוד.

33) ואין סתירה לזה מהמובא לעיל הערה 29 בענין „מחי׳ מתים ברחמים רבים״ —

---

*) בא״ר שם הביא זה מלבוש שם. וכ״ה בזהר ח״א קלז, א. ועוד.

נבנה ווערן פונעם „עצם לוז״ — איז עס מצד זיין ענין גופא, ווייל אין אים איז דאָ די בחירת העצמות. ולפי זה קומט אויס, אַז אדרבא מצד דעם וואָס „שינוי החוזר לברייתו לא שמי׳ שינוי״, איז ער אויך איצטער אַ מציאות אמיתי.

ו. דער יצה״ר איז דאָך אָבער אַן „אומן במלאכתו״ [34], איז לאחרי ווי מען שלאָגט אָפּ זיין „טענה״ (אַז מען קען ח״ו ניט אויפטאָן מיטן גוף און מיט וועלט) דורך דער הסברה, אַז בפנימיות זיינען זיי גאָר טוב און קדושה און די עבודה איז בלויז צו אַרויסברענגען דעם טוב וואָס אין זיי בפנימיות אל הגילוי, הויבט ער אָן איינצו׳טענה׳ן מיטן מענטשן לאידך גיסא:

בפנימיות זיינען דאָך דער גוף און עוה״ז טוב אויך קודם העבודה; ואַפילו בנוגע צו „גילוי״, איז דאָך אויך אַ זיכערע זאַך (כנ״ל) אַז סוכ״ס דורך דעם אידן אָדער דורך אַן אַנדער אידן וועלן זיי ווערן אַ „דירה לו ית׳״ — היינט וואָס האָסט דו וואָס צו קאָכן זיך אין דיין עבודה פון תומ״צ בכדי צו מברר זיין און מזכך זיין דעם גוף און חלקו בעולם; ובפרט — וואָס איז אַזוי דער „געוואַלד״ אויב דו וועסט עס אָפּלייגן אויף אַ ווײַלע שפּעטער?

אויף דעם איז דער רבי בעל ה־הילולא מסביר אין סיום פון דעם מאמר אַז א) עס איז דאָ דער ענין פון „אעשה חשבונותי״, „אצוה לביתי״, און ווי באַוואוסט דער ענטפער פון אַלטן רבי׳ן [35] „דו האָסט אַלץ דערציילט וואָס דו דאַרפסט, און אויף וואָס דאַרף מען דיך, זאָגסטו גאָרניט״, ב) „מי הוא היודע עתו וזמנו״:

יעדער ענין שבעולם איז אויסגעשטעלט פון פריער, דורך ווען די זאַך זאָל נתברר ווערן [36]; אַזוי איז אויך אויסגעשטעלט אין וואָס פאַר אַ זמן דער בירור זאָל געטאָן ווערן. און במילא איז דאָך רעכט אַז דורכן אָפּלייגן אויף שפּעטער, זאָל ער ח״ו פאַרלירן זיין חשבון און בית וכו׳ [37].

און דעריבער מוז די עבודה געטאָן ווערן בזריזות, ניט פאַרלירן קיין איין רגע אין דער אַרבעט פון הפצת תומ״צ בכלל און הפצת מעינות החסידות ב־מיוחד — בכל מקום ומקום, און דאָס דאַרף געטאָן ווערן בשמחה וחפץ וכו׳ (וואָס במילא קומט זריזות [38]) — ובלשון הרמב״ם (בנוגע ימות המשיח) נתאוו [39],

צוגרייטן די גאַנצע וועלט צום קיום היעוד [19] „מלאה הארץ דיעה את הוי׳ כמים לים מכסים״, בקרוב ממש.

(משיחת יו״ד שבט וש״פ בשלח תשכ״ט)
לקו״ש ח״ו ע׳ 81

---

כי מכיון ש„בנו בחרת״ (שבחירת העצמות היא בהגוף גופא), הרי גם ההמשכה שמצד עצמות אוא״ס (שלגבי׳ מות וחיים שוים), שייכת להגוף ובפנימיותו, ע״ד המבואר בלקו״ש ח״ה ע׳ 246 (ס״ט) בענין „לשמש את קוני״. עיי״ש.

34) ראה שבת קה, ב: כך אומנתו של יצה״ר כו׳. וראה ד״ה וידעת תרצ״ג פ״ה.

35) סה״מ תש״ח ע׳ 191. וש״נ.

36) ראה לקו״ד כרך ד׳ תקצו, ב. היום יום ע׳ פד.

37) ובדוגמת יצי״מ שהוצרכה להיות „כהרף עין״, כי באם היו מתמהמהים ח״ו לא היו יכולים ליגאל כו׳ (אלשיך בא יב, לז (ואילך) בשם הזהר. וראה גם צרור המור שם, מ. הגדת החיד״א פיסקא מתחלה עע״ז ד״ה ומעשה ידיו).

38) ראה אגה״ק סכ״א.

39) הל׳ תשובה פ״ט ה״ב: נתאוו כל ישראל נביאיהם וחכמיהם (ועייג״כ הל׳ מלכים פי״ב ה״ד). וי״ל שזה בזה תליא נתאוו כל ישראל בנתאווה הקב״ה להיות לו ית׳ דירה בתחתונים.





ב״ה, ר״ח שבט ה׳תש״ל

. . . בעמדנו בעשתי עשר חדש באחד לחודש,

אשר בעשירי בו הוא יום ההילולא של כ״ק מו״ח אדמו״ר,

יום זכרון הוא (זמן כפרה ותשועת נפשם מיד שונא) להזכיר כאו״א את עצמו ואת כל סביבתו את נקודת עמלו (של בעל ההילולא) שעמלה נפשו בחייו חיותו בעלמא דין — מסירת נפש על הפצת היהדות, תורת אמת ותורת חיים ומצותי׳ עליהן נאמר וחי בהם — מבלי להתפעל ואפילו לא להתרשם מכל מונע ומעכב, אויב ושונא,

זכרון ע״מ שיבוא בפועל ובמעשה שהוא העיקר, ללכת בדרך זו אשר הורנו וסלל לפנינו להפיץ התוהמ״צ חדורים אהבת השם ויראת השם באופן דמוסיף והולך.

ותוקף מיוחד לתקופת יום ההילולא בשנה זו (עשרים שנה לההסתלקות)

---

ר״ח: (ולא תחלת החודש, כי) הוא ביחס לכל ימי החודש כמו ראש לאיברים, שחיותם כלול מתחלה בראש והראש — מנהיגם (מאמרי ר״ה תש״א ועוד — לבעל ההילולא. לקו״ת דברים נה, ג. עט״ר בתחלתו).

בעשתי . . לחודש: דברים א, ג. ולהעיר מאוה״ת להצ״צ שם על הפסוק שלפניו אחד עשר יום.

יום ההילולא: בש״ק פ׳ בא בשעה שמונה בבוקר שנת ה׳תשי״.

זכרון . . שונא: תפלת מוסף ר״ה. ועיין אבודרהם הפי׳.

עמלו . . בחייו: להעיר מסנה׳ (צט, ב) עה״פ נפש עמל עמלה לו ועה״פ אדם לעמל יולד. ד״ה אר״א אדם לעמל יולד, תרפ״ט.

שעמלה נפשו בחייו: אגה״ק סי׳ כח.

וחי בהם: אחרי יח, ה. עיין רמב״ן שם. אור תורה להה״מ. לקו״ת שה״ש סד״ה לסוסתי (הראשון). אוה״ת להצ״צ פ׳ אחרי.

התוהמ״צ חדורים אהבת השם ויראת השם: שאז קיומן אמתי כו׳ (תניא רפ״ד. קונטרס העבודה ס״ב). וראה פירוש להרמב״ם הל׳ יסוה״ת רפ״ב.

ותוקף . . לתקופת: להעיר מברכות (נט, ב) בתקופתה כו׳.

עשרים שנה: להעיר מירוש׳ סוטה (פ״א, ה״ח) — בשמשון, שנקרא ע״ש של הקב״ה כו׳ שמש כו׳ הוי׳ (סוטה י, א), כתוב אחד אומר כו׳ שהיו הפלשתים יראים ממנו כו׳. וכיון שבכתוב נאמר (לנוסחת הירושלמי — תוד״ה מעבירם שבת נה, ב) וישפוט את ישראל, מובן שזהו העיקר, אלא שהי׳ אפשרי עי״ז שהיו הפלשתים יראים כו׳. ולהעיר מלקו״ת במדבר ד״ה מבן עשרים.

לההסתלקות: לביטוי הסתלקות, יש להעיר מהמאמר שניתן ליום ההסתלקות (ד״ה באתי לגני פ״א), דמפרש מ״ש בזהר כד אתכפי׳ סט״א אסתלק יקרא דקוב״ה בכולהו עלמין, דהיינו שנמשך יקרא דקוב״ה בכולהו עלמין (אלא שהגילוי הוא בבחינת רוממות).